בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א



## בלק

י"ב תמוז תשפ"ו

די ציַיטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 7:13 |
| מוצש"ק | 8:31 |
| ר"ת | 9:06 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | |
|---|---|
| סוזק"ש א' 8:13 | סוז"ת א' 9:42 |
| סוזק"ש ב' 9:06 | סוז"ת ב' 10:18 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': קנ"ג

שנה ד'


## טיב הפרשה

# מַדּוּעַ דֶּרֶךְ רְשָׁעִים צָלֵחָה אויף די וועלט

### קוּם לֵךְ אִתָּם

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר וועגן בלעם און וועגן די קללה וואס ער האט געוואלט געבן אויף כלל ישראל, אבער הקב"ה האט אים אפגעהאלטן און נישט געגעבן די מעגליכקייט ער זאל קענען שעלטן כלל ישראל.

די תוה"ק שמועסט אויס באריכות די גאנצע געשעעניש וויאזוי עס איז צוגעגאנגען פון אנהייב ביז צו איר ענדע. מיר לערנען איבער די שליחות פון בלק צו בלעם און אז בלעם הרשע האט אנגעפרעגט כלפי מעלה צי ער זאל מיטגיין מיט די שלוחים פון בלק, און אז הקב"ה האט אים געזאגט ער זאל נישט גיין, אבער ענדע איז ער יא געגאנגען.

מיר ווייסן אז יעדער זאך וואס שטייט אין די תוה"ק איז דא מיט א סיבה, אז יעדער זאך איז א לימוד. ווען מ'קוקט אריין אין חז"ל זעט מען אז די חכמים האבן ארויסגעלערנט אן אינטערעסאנטער לימוד פון די מעשה. די גמרא אין סנהדרין [דף קה.] זאגט אז דער מאמר פון די תוה"ק לערנט אונז אויס אז 'חוצפא' אפילו כלפי שמיא העלפט.

מיר ציטירן דא דער לשון פון חז"ל אמר רב נחמן: חוצפא, אפילו כלפי שמיא מהני. מעיקרא כתיב: 'לא תלך עמהם', ולבסוף כתיב: 'קום לך אתם'.

רש"י אויפ'ן ארט געבט צו פארשטיין פון וואו מ'זעט אז חוצפא כלפי שמיא העלפט, ווייל ערשט האט הקב"ה אים געזאגט 'לא תלך עמהם'. ווען בלעם האט דאס געהערט האט ער געדארפט פארשיקן די שלוחים פון בלק און זיי זאגן אז ער קען נישט אויספירן זייער באגער. אנשטאט דעם האט בלעם געזאגט פאר זיינע שלוחים 'לינו פה הלילה', און נאכ'ן אויספירן די חוצפה'דיגע שריט האט הקב"ה אים געזאגט אז ער איז מסכים אז ער זאל גיין מיט זיי, און צומארגענס האט הקב"ה אים געזאגט 'קום לך עמהם' - אז ער קען גיין מיט זיי.

אז מען איז זיך מתבונן אין דער מאמר, פארשטייט מען נישט וואס עס שטייט דא. וויאזוי קען זיין אזא זאך אז מ'זאל גיין קעגן דער רצון ה' און זיך מתחצף זיין כלפי קונו און כביכול הקב"ה איז משנה זיין מיינונג. מיר ווייסן דאך אז ביי הקב"ה

## טיב המערכת

### מַלְאַךְ ה' נִצָּב בַּדֶּרֶךְ

מיט עטליכע יאר צוריק איז צושפרייט געווארן א מעשה, וועגן א פרוי וואס האט נישט זוכה געווען צו קיין קינדער, און זי איז געגאנגען צו איינער פון די גדולי הדור אים צו בעטן א ברכה, האט איר דער גדול געזאגט אז זי זאל אויפזוכן איינעם וועמען מען האט פארשעמט און האט גארנישט געענטפערט דערויף, און זי זאל בעטן א ברכה פון דעם פארשעמטן. וְכָךְ הֲוָה, און די פרוי האט געווארט פאר די געלעגנהייט, און איין טאג האט זי געזען ווי מען פארשעמט א פרוי אין גאס, און די פרוי האט שוין געוואלט צוריקענטפערן, אבער זי איז גלייך צוגעגאנגען צו איר און האט זיך געבעטן ביי איר אז זי זאל גארנישט ענטפערן און אנשטאט דעם זאל איר געבן א ברכה אז זי זאל געהאלפן ווערן מיט א קינד. נאכן זיך שטארק בעטן ביי איר, האט די פרוי צוגעשטימט צו שווייגן און פארקוקן איר שאנד, און אנשטאט דעם האט זי איר געבענטשט פון די טיפענישן פון איר הארץ אז זי זאל זוכה זיין צו א קינד, און ווירקליך אין א יאר ארום האט זי זוכה געווען און עס איז איר געבוירן געווארן א זון למזל טוב.

אונזערע חכמינו ז"ל זאגן אז בלעם הרשע איז געווארן מחויב מיתה, ווייל נישט אומזיסט איז דער מלאך געקומען צו אים מיט אן אויסגעשטרעקטע שווערד אין זיין האנט, אבער וויבאלד די שטראף־רייד פון דעם אייזל האט צוגעברענגט בזיונות פאר בלעם, איז ער געראטעוועט געווארן מִמָּוֶת לְחַיִּים.

עס איז אנגענומען פון דער הייליגער אריז"ל, אז אויב מען וואלט געוואוסט ווי גוט עס זענען די בזיונות פארן מענטש, וואלט א מענטש געלאפן איבער די גאסן זיי אויפצוזוכן, נאר עס איז אסור אזוי צו טון, וויבאלד ער איז גורם א שטרויכלונג פאר אנדערע מענטשן און ער איז עובר אויף דער לאו פון 'לִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל', אבער איינער וואס האט שוין באקומען בזיונות, זאל שווייגן און גארנישט ענטפערן, נאר אננעמען זיינע בזיונות מיט ליבשאפט, און אזוי שרייבט דער בית אהרן אין נאמען פון רבי משה גאלאנטי, וזה לשון קדשו: מַרְגְּלָא בְּפוּמֵיהּ דְּמוֹרִי זלה"ה (דער הייליגער רמ"ק זיע"א) שֶׁהָיָה אוֹמֵר, שֶׁבְּכָל הַתְּשׁוּבוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, הַמְּעֻלָּה שֶׁבְּכֻלָּם לְמָרֵק הַחֲטָאוֹת וְהַזְּדוֹנוֹת וְהַפְּשָׁעִים, הִיא סְבִילַת הָעֶלְבּוֹנוֹת וְהַחֵרוּפִים וְהַגִּדּוּפִים, וְהִיא מְעֻלָּה יוֹתֵר מִכָּל מַלְקִיּוֹת וְסִגּוּפֵי תַּעֲנִיּוֹת שֶׁבָּעוֹלָם'. און אין ליקוטי מוהר"ן שטייט 'וְעִיקַּר הַתְּשׁוּבָה כְּשֶׁיִּשְׁמַע בִּזְיוֹנוֹ יִדֹּם וְיִשְׁתֹּק'.

אויב א מענטש וועט געהעריג פארשטיין אז די בזיונות וואס ער באקומט זענען א רפואה פאר אים, דעמאלטס ווען די בזיונות וועלן קומען, וועט ער זיי ממש 'כאפן' כְּמוֹצֵא שָׁלָל רָב! ווייל אפילו בלעם הרשע איז געראטעוועט געווארן פון טויט צוליב דעם וואס ער האט באקומען בזיונות פונעם אייזל, כאטש ער האט עס נישט מקבל געווען באהבה, איז דאך אוודאי און אוודאי אויב א איד איז מקבל בזיונות באהבה, און ער פארמאכט זיין מויל, אזוי ווי די הייליגע חז"ל דרש'נען אויפן פסוק 'תּוֹלֶה אֶרֶץ עַל בְּלִי מָה', אז דער וועלט איז געהאנגען אויף דער וואס פארמאכט זיין מויל אינדערצייט פון א קריגעריי, איז ווי גרויס איז זיין שכר, אזוי ווי די הייליגע גמרא זאגט 'הַנֶּעֱלָבִים וְאֵינָם עוֹלְבִים, שׁוֹמְעִים חֶרְפָּתָם וְאֵינָם מְשִׁיבִים, עֲלֵיהֶם הַכָּתוּב אוֹמֵר 'וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ''. (עפ"י טיב התורה – בלק)


מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב הודעות

איז נישט דא קיין שינוי רצון, און אויך אויב איינער איז זיך מתחצף צו הקב"ה וועט ער נישט משיג זיין די מטרה וועגן וואס ער חוצפה'ט זיך.

עס צו פארשטיין, לאמיר מקדים זיין די ווערטער פון דער הייליגער 'תולדות יעקב יוסף' אין פרשת שופטים. בתוך הדברים ברענגט ער אראפ א בחינה בשם מו"ה רבי יואל, און געבט צו פארשטיין אז טראץ וואס גיין קעגן הקב"ה איז נישט מעגליך, געבט אבער הקב"ה די מעגליכקייט אז א מענטש זאל גיין אין א באגרעניצטער וועג קעגן הקב"ה, און אויך ווען ער דאווענט הערט ער אויס זיינע תפילות.

ער איז מאריך אז מ'זאל זיך נישט טועה זיין און מיינען אז מ'קען גיין קעגן רצון ה', ווייל אויך בלעם הרשע האט ענדע נישט געקענט גיין קעגן רצון ה' און שעלטן די אידן, אבער דאך האט ער יא געקענט גיין ביז א געוויסער פונקט.

די סיבה פארוואס מען געבט פון הימל די כוחות צו גיין קעגן רצון ה', נעמט זיך פון דעם ווייל מ'וויל געבן פאר'ן מענטש די בחירה ער זאל שפירן אז ער קען גיין קעגן רצון ה'. די נקודה פון די בחירה, אז דער מענטש זאל שפירן ביי זיך אז ער קען בעצם אנקומען ווי ער וויל אפגעזען ווי ווייט ער גייט, איז א חלק פון די בריאה, און דאס געבט מען פאר'ן יעדן מענטש אין יעדע מצב.

אויך די געדאנק אז א איד קען מתפלל זיין אין יעדע מצב און אז זיינע תפילות זענען קעגן רצון ה' און מיט דעם אלעם הערט מען עס אויס, איז א לימוד איבער די גרויסקייט און די שטארקקייט פון כח התפילה, אז די כח התפילה פון א איד איז אזוי שטארק, אז אויך ווען זיינע תפילות זענען נוגד דער רצון ה' ווערט עס אנגענומען.

עס איז געצילט אז דער ערליכער איד זאל וויסן אז די נסיון איז גרויס, און אז אויך בנוגע די כח התפילה ווי גרויס עס איז דער כח התפילה פון א איד אין יעדן מצב.

מען געבט פון הימל כוחות אז דער מענטש זאל קענען נוצן זיין בחירה און פועל זיין קעגן רצון ה', אבער אין די פרשה זעט מען אויך אז טראץ וואס עס זעט אויס ווי מען קען טון וואס מ'וויל גייט עס אבער נאר ביז א געוויסע גרעניץ. עס קומט אן א געוויסע נקודה וואו אויך דער מענטש קען נישט גיין ווייטער.

דאס זעט מען ביי בלעם הרשע. טראץ וואס ער האט געהאט כח צו גיין קעגן רצון ה', האט ער אבער נישט געקענט גיין צו ווייט. ווען עס איז געקומען צו שעלטן די אידן, האט הקב"ה אים אפגעשטעלט. ווען ער האט געהאלטן ביים שעלטן האט הקב"ה אים געזאגט 'ואך את הדבר אשר אדבר אליך אתו תעשה', אדער ווי דער פסוק זאגט ווייטער (כג, טז) 'ויקר ה' אל בלעם וישם דבר בפיו ויאמר שוב אל בלק וכה תדבר', און ווי רש"י אויפ'ן ארט שמועסט אויס וז"ל: 'ומה היא השימה הזאת, ומה חסר המקרא באמרו שוב אל בלק וכה תדבר, אלא כשהיה שומע שאינו נרשה לקלל, אמר מה אני חוזר אצל בלק לצערו. ונתן לו הקב"ה רסן וחכה בפיו כאדם הפוקס בהמה בחכה להוליכה אל אשר ירצה. אמר לו על כרחך תשוב אל בלק', עכ"ל.

רש"י ברענגט ארויס מיט קלארע ווערטער די בחינה, אז טראץ וואס א איד האט אין זיך דער כח צו קענען גיין קעגן רצון ה', איז אבער זיין כח באגרעניצט אז ער קען נישט גיין מיט איר ביז צום סוף, ווייל ער ווערט געפירט דורך הקב"ה און ער באהערשט אים איבעראל.

די בחינה איז א גרויסער חיזוק פאר יעדן איד. מ'זעט אסאך מאל אז פאר'ן רשע גייט גוט. עס איז די בחינה פון 'דרך רשעים צלחה'. עס גייט זיי גוט און צומאל זענען זיי גאר מצליח צו גיין אזוי ווייט אז זיי קענען טון קעגן רצון ה', און ווי מער זיי זענען מכעיס את קונו אלץ מער הצלחה האבן זיי. דער ערליכער איד שטייט אין די זייט און פארשטייט נישט וואס גייט דא פאָר - ווי אזוי קען זיין אזא זאך - אבער ווי געשמועסט ליגט דא באהאלטן א כוונה גדולה, ווייל דאס איז א נסיון גדול און אזוי ארום איז הקב"ה מנסה דעם איד.

עס איז א נסיון, און עס איז די תועלת פון די בריאה, הקב"ה האט באשאפן די וועלט אז עס זאל זיין א הסתרה, אז מען זאל קענען ווערן פארבלענדעט, אז דער מענטש זאל זיך קענען נארן, אויב ער וויל, אבער מ'דארף האבן שכל נישט צו ווערן פאַרנאַרט ווייל מען קען ווערן גרינג נאכגעשלעפט.

זאל הקב"ה געבן אז מ'זאל קענען אייביג בלייבן קלאר און ביי די דעת און זוכה זיין אנצוקומען מעלה מעלה בעבודת ה' און זיך משלים זיין אויף די וועלט.

טיב ההשגחה

## מעשיות איף השגחה פרטית

### געשריבן הזך לייענדס

# בַּשַּׂר הִרְחַבְתָּ לִּי

# דאס געלט אין די ריכטיגע מינוט

פאר עטליכע יארן טוה איך שוין אין די אינוועסמענט ביזנעס. איך נעם געלט פון מענטשן און כ'טוה עס אינוועסטירן אין ערטער און ברענג זיי אהיים שיינע פארדינסטן. א חלק פון די ביזנעס פאדערט אז מ'זאל אריבערפירן גרעסערע געלטער פון איין ארט צו די אנדערע, צומאל פון איין מדינה צו די אנדערע.

פון די לענדער וואו איך בין אקטיוו איז דער פיליפינען לאנד. מיר טוען דארט אינוועסעמענטס. איך פיר אריבער געלט צו איר און איך ברענג פון דארט געלט אהער.

א איד מיט וועמען איך האב געארבעט הייסט גדלי'. דער גדלי' האט זיך דרינגענד גענויטיגט אין געלט, ער האט מיר געבעטן אז ער דארף פופציג טויזנט דאלער פון זיין אינוועסמענט און ער דארף עס קריטיש וויכטיג האבן נאך היינט ביינאכט.

איך האב געוואלט ברענגען דאס געלט פאר גדלי' פון די פיליפינער אינזלען. איך האב געמאכט א באנק טרענספער אבער די טרענספער איז דורכגעפאלן. דריי מאל אין א ציה האב איך געמאכט די טרענספער, אבער יעדעס מאל איז עס דורכגעפאלן.

איך בין געווען אובד עצות. פון איין זייט שרייט גדלי' אז ער מוז האב דאס געלט, און דא פעלט דאס געלט. מיר האבן פראבירט צו טרעפן דאס געלט פון אנדערע ערטער, אבער אן ערפאלג. איך בין געווען אזוי טרוד צו שאפן דאס געלט אז איך האב נישט געקענט דאווענען מנחה אדער מעריב.

די צייט פון מנחה איז געקומען צוגיין. איך האב געשפירט אז עס גייט נישט, איך קען נישט דאווענען. איך האב זיך מיישב געווען אז כ'מוז דאך דאווענען. איך האב זיך אנגעגארטעלט מיט כח, מיט מוט, איך האב באשלאסן אז כ'גיי זיך אנשטרענגען. איך האב זיך געשטעלט דאווענען איבערלאזנדיג מיין טעלעפאן אין די קאר נישט וועלענדיג אז איינער זאל מיר שטערן פון דאווענען.

איך האב גדאווענט רואיג און זיך פארלאזט אויף הקב"ה גלייבנדיג אז ער מאכט אלעס, אז ער טוט אלעס. איך האב געענדיגט דאווענען און מיין גייסט איז געווען דערהויבן. איך בין געווען פול מיט אמונה אז אלעס גייט זיך פירן כשורה, אז אלעס גייט גיין אין שפאן.

איך ענדיג דאווענען, איך זעץ זיך אריין אין קאר און א איד קלינגט מיר אן.

דער איד האט גערעדט מיט מיר עטליכע וואכן פריער בנוגע א געוויסער אינוועסמענט וואס ער וויל מאכן. ער געבט מיר א זאג אז ער האט יעצט דאס געלט און ער שיקט עס מיר אריבער. ער האט מיר אריינגעשיקט דאס געלט, עס איז געווען די גענויע סומע וואס איך האב געדארפט.

ברוך ה' אז נאך יענער נאכט האב איך געקענט צאלן פאר גדלי' דאס געלט, ער האט באקומען דאס געלט און איך האב געדאנקט הקב"ה זעענדיג אז בזכות האמונה און זיך שטארקן אין בטחון איז הקב"ה ממשיך די ישועה כהרף עין, און אז מ'דארף זיך נישט זארגן ווייל ער איז מסדר זאכן בעסער ווי מיר אליין קענען עס מסדר זיין.

(דערציילט דורך דער בעל המעשה: י.ר.)

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

אין ספר **קומץ המנחה** (ח"ב אות נד) **פון הרה"ק רבי צדוק הכהן מלובלין זצוק"ל**, ווערט ערקלערט דער ענין פון "ויקר" אז דאס איז א לשון פון "מקרה" [זע רש"י ויקרא א, א]. דאס קומט אונז לערנען אז בלעם מיט זיין כפירה האט אלעס אנגעהאנגען אז עס איז געשען בדרך **"מקרה"**, און ער האט געלייקנט די אמונה אינעם הייליגן באשעפער, עפרא לפומיה, און ער איז אלעמאל געגאנגען לִקְרַאת נְחָשִׁים, דאס מיינט צו זאגן אז ער האט גע'טענה'ט אז אלעס ווענדט זיך אינעם מקרה פונעם טבע.

און דעריבער האבן אונזערע הייליגע חז"ל מעיד געווען (ויקרא רבה א, יג) אויפן לשון פון "וַיִּקָּר", אז דאס איז א לשון טומאה און מקרה. ווייל די טהרה קומט דורך די הילף און השגחה פון השם יתברך, אבער די טומאה קומט פון דעם וואס די השגחה איז כביכול נישט דארט, וויבאלד מען עפנט אים אויף אז ער זאל קענען גיין וויפיל ער וויל אן קיין הילף, אזוי ווי די הייליגע חז"ל זאגן אין מסכת יומא (לח:).

און אזוי זאגט דער פסוק ביי עמלק (דברים כה, יח): "אֲשֶׁר **קָרְךָ** בַּדֶּרֶךְ", דאס מיינט אז ער האט אפגעקילט דעם פייערדיגן פלאם פון אמונה, אז מען זאל אלעס אנהענגען אין א **מקרה** וואס איז אים געשען אויפן וועג. און דורכדעם "וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ, וְאַתָּה עָיֵף וְיָגֵעַ, וְלֹא יָרֵא אֱלֹקִים", צוליב דעם וואס עס פעלט אמונה אין די השגחה פרטית וואס איז דא אין יעדן איינציגן געשעעניש אויף דער וועלט.

***

אינעם בֵּיתוֹ נַאֲוָה קֹדֶשׁ פון **איינער פון די גדולי הרבנים שליט"א** האט זיך געדרייט א בחור א יתום, וואס נאכדעם וואס ער איז געווארן א יתום פון זיין טאטע ל"ע, איז ער געבליבן מיט זיין מאמע די אלמנה אן קיין אנלענער.

אויסערדעם וואס ער איז געווען א יתום, איז ער אויך געווען א גרויסער 'רחמנות', צוליב די גרויסע ארימקייט וואס האט געהערשט אין הויז, אויף אזוי ווייט אז עס איז כמעט נישט געווען קיין עסן אין הויז. דער בחור פלעגט קומען צום רב מִדֵּי שַׁבַּת בְּשַׁבַּתּוֹ נאך קבלת שבת, צו באקומען א ברכה פונעם רב, וויבאלד זיין טאטע האט זיך געפירט אים צו בענטשן יעדן שבת. און ווען זיי פלעגן אוועקפארן פאר שבת צו ווײלן מיט קרובי משפחה, פלעגט ער קומען פאר שבת צום הויז פונעם רב, וויבאלד ער האט נישט געוואלט דערלייגן די ברכה, און דער רב פלעגט אים באגיסן מיט פיל ליבשאפט און טרייסט, וואס איז געווען כַּמַּיִם קָרִים עַל נֶפֶשׁ עֲיֵפָה פאר זיין פארוויייטאגטן זעל.

איינמאל איז געווען א תקופה, וואס דער רב האט געשפירט אז דער בחור איז זייער טרויעריג, נאכמער ווי געווענליך. ווי א שווערע וואלקן האט געהאנגען איבער זיין געזיכט, און קוים וואס ער האט ארויסגעשלעפט א שוואכן שמייכל איבער זיין געזיכט. וויבאלד דער רב איז געווען זייער נאנט צו דער בחור, האט ער פראבירט אויסגעפינען וואס עס באהאלט זיך אונטער דעם, פארוואס ער איז אזוי טרויעריג און געפאלן ביי זיך.

נאכדעם וואס דער רב האט עטליכע מאל פראבירט אים צו מאכן רעדן דורך פארשידענע וועגן מיט חכמה, האט דער בחור אנטפלעקט פארן רב, אז עס איז שוין א שטיק צייט וואס עס איז גארנישט דא ביי זיי אין הויז, און יעצט דארף זיין מאמע די אלמנה וויכטיג האבן די סומע פון **פינף און צוואנציג טויזנט דאלער ($25.000)**, און פון גרויס זארג און ביטערניש געפינען זיי נישט קיין

# אֵין מִקְרֶה בָּעוֹלָם!

**"וַיִּקָּר אֱלֹקִים אֶל בִּלְעָם וַיֹּאמֶר אֵלָיו וגו'" (כג, ד)**

מנוחה. דער בחור איז געווארן זייער טרויעריג דערפון, און עס איז אים דערגאנגען ביז צו זיין נפש, אויף אזוי ווייט אז ער האט אנגעהויבן ארייננפאלן אין א דעפּרעסיע רח"ל.

דער רב האט נישט געוואוסט וואס צו טון, וויאזוי קען ער דען העלפן דער בחור און זיין מאמע די אלמנה, אינדערצייט וואס פון אייביג אן האט ער צוריקגעצויגן זיין האנט פון עסקנות און פון געלט זאכן, אויף אזוי ווייט אז ער האט קיינמאל נישט מסכים געווען צו נעמען אלע ערליי געלט וואס מען האט אים פראבירט צו געבן. און כאטש אונזערע הייליגע חז"ל זאגן (ב"ב ט.) "גָּדוֹל הַמַּעֲשֶׂה יוֹתֵר מִן הָעוֹשֶׂה", און זייער שכר איז זייער גרויס. פונדעסטוועגן, צוליב א באהאלטענער טעם, און נאכן זיך דורכרעדן דערוועגן מיט גדולי ישראל, האט ער זיך אפגעריסן פון געלט־זאכן אפילו פאר אנדערע מענטשן, כדי זיך נישט צו דערנענטערן דערצו. און אפילו אויב מען האט אים געדרוקט פון עטליכע זייטן אז ער זאל זיך ארייינלייגן אינעם ענין פון שאפן געלט פאר גאר וויכטיגע צוועקן, פלעגט ער זיי אפזאגן, און ער האט נישט געוואלט ארייננגיין אין עסקנות וועגן געלט־זאכן.

אינעם זעלבן וואך, וואס דער רב האט זייער שטארק מיטגעפילט מיטן צער פונעם יתום, איז מן השמים אנגעקומען צום רב א גרויסן עושר פון איבערן ים, צו בעטן א ברכה און עצה. דער משפחה־נאמען פונעם עושר איז געווען פונקט די זעלבע ווי דער משפחה־נאמען פון דער בחור, טראצדעם וואס עס איז נישט געווען קיין שום פארבינדונג צווישן זיי, און זיי האבן זיך קיינמאל נישט באגעגנט פריער, אויך איז נישט געווען קיין שום משפחה פארבינדונג אדער אן אנדער באקאנטשאפט צווישן זיי, נאר דאס אז זיי האבן געהאט דעם זעלבן משפחה־נאמען.

און אזוי ווי דער עושר איז דארט געווען און האט זיך דורכגערעדט מיטן רב איבער די ישועה וואס ער האט וויכטיג געדארפט האבן, איז אויך דער בחור דער יתום פונקט דעמאלטס אנגעקומען צום הויז פונעם רב. און פלוצלונג איז ארויפגעקומען א געדאנק ביים רב אין קאפ, אז מעגליך איז דא עפעס א צוזאמשטעל צווישן זיי, וויבאלד זייער משפחה־נאמען איז די זעלבע. און אזוי כמעט אומווילנדיג, האט דער רב געגעבן א ווארף ארויס פון מויל די ווערטער: אט האב איך דא ביי מיר גאר א צוקלאפטער בחור וואס איז א יתום, און ער האט די זעלבע משפחה־נאמען אזוי ווי דיר, און ער מיט זיין מאמע די ארימע אלמנה דארפן וויכטיג האבן די סומע פון **$25,000**, מעגליך ווילסט איר אראפלייגן די סומע, און דורכדעם וועט דיר אנקומען דיין ישועה [און דערמיט האט דער רב געטוישט פון זיין מנהג, וואס ער האט זיך געפירט אז ער האט קיינמאל נישט געבעטן קיין געלט פון אנדערע].

דער עושר האט זיך גלייך אנגערופן אז ער וועט געבן די געלט. ער האט גלייך ארויסגענומען די סומע פון **$10,000** און באצאלט, און די אנדערע **$15,000** האט ער צוגעשטעלט עטליכע טעג שפעטער, צו די גרויסע פרייד פון דער יתום און זיין מאמע, וועלכע האבן זיך הארציג באדאנקט און האבן זיך שטארק געפריידט און געלויבט השי"ת פאר זייער ישועה, און תיכף ומיד האט דער עושר זוכה געווען און געזען זיין ישועה.

**פון דעם לערנען מיר זיך ארויס די געוואלדיגע השגחה הפרטית וואס איז דא אין יעדער געשעעניש און אין יעדער זאך, אזוי ווי מיר האבן דא געזען, אז דער אויבערשטער האט צוגעפירט אז דער בחור זאל זיך אויסרעדן און דערציילן איבער די געלט וואס ער און זיין מאמע האבן געדארפט, און ווי דער אויבערשטער האט געמאכט אז דער עושר מיט די זעלבע משפחה־נאמען זאל קומען צו דער רב. און אזוי האט ער זיי צוזאמגעברענגט אויף איין פלאץ, אז ביידע זאלן שנעל באקומען זייער ישועה.**

***

עס ווערט דערציילט אויף **הרה"ק רבי רפאל בערשידער זצוק"ל** דער געטרייער תלמיד פון **הרה"ק דער רבי ר' פנחס קאריצער זצוק"ל**, וועלכער איז געווען א געוואלדיגער אִישׁ אֱמֶת, אזוי ווי ער האט זיך אויסגעלערנט ביי זיין רבי, צו אכטונג געבן זייער שטארק אויף די אמת פון יעדער זאך.

איינמאל ווען איינער פון זיינע קליינע קינדער האט געהאלטן א גלאז טרינקען אין האנט און געטרינקען, האט זיך גלאז געגעבן א גליטש ארויס פון זיין האנט און עס האט זיך צובראכן. איז דער צדיק געווארן זייער דערשראקן אז אזא זאך איז געשען ביי אים אינדערהיים, און ער האט זיך גענומען אויספארשן די משפחה מיטגלידער, פרעגנדיג יעדן איינעם צי זיי האבן מעגליך געטון עפעס אן אומרעכט, וואס צוליב דעם איז זיי געשען דער שטראף, מידה כנגד מידה, אז דער גלאז האט זיך צובראכן.

און דער צדיק האט זיך נישט בארואיגט, ביז ער איז געוואויר געווארן דער שורש פארוואס דער זאך איז געשען, אז דאס איז געווען צוליב דעם וואס עס איז אמאל געשען עפעס אן ענין פון כעס אינדערהיים, רחמנא ליצלן, וואס דערפון האט זיך צוגעפירט דער אויבנדערמאנטער געשעעניש.

**פון אט די מעשה זאלן מיר זיך ארויסלערנען, אויף ווי ווייט זאל א מענטש זיך מתבונן זיין אין זיינע וועגן, און ער זאל שטענדיג נאכקוקן זיינע טריט. און פון יעדן קליינעם שטרויכלונג וואס עס טרעפט זיך אין זיין וועג, זאל ער זיך דערוועקן צו פאררעכטן דאס וואס דארף האבן א תיקון. – און צומאל ווען מען פאדערט פון אים דער רצון של מעלה מיט מער שטארקייט, איז אויב ער פארשטייט נישט זיין פליכט פון די ערשטע און קליינע געשעענישן, דעמאלטס קומען דערנאך שווערערע געשעענישן, רחמנא ליצלן, כדי אים צו צוטרייסלען און אים ערוועקן צו תשובה, כידוע.**

**און דעריבער, אויב זעט א מענטש ביי אים אינדערהיים, אז זאכן פירן זיך נישט ווי געהעריג, און ער איז ארומגענומען מיט פראבלעמען און זאכן וואס דרוקן אים, זאל ער זיך אומקוקן און מאכן א בֶּדֶק הַבַּיִת, צו זען וואס עס האט צוגעברענגט אלע זיינע פראבלעמען און חסרונות. און ער זאל בעטן פון השם יתברך אז ער זאל געבן א גוטע עצה, אזוי ווי מיר זאגן ביי מעריב "וְתַקְּנֵנוּ בְּעֵצָה טוֹבָה מִלְּפָנֶיךָ", און אונז שענקען בינה און דעת אזוי ווי מיר בעטן אין די ברכה פון "אתה חונן", אז מען זאל קענען בינדן איין זאך אין די אנדערע, און צובינדן א האר אין א האר, דורכן זוכן די הנהגה פון "מידה כנגד מידה" אין יעדער זאך, ביז עס וועט ווערן קלאר ביי אים**

**וואס מען דארף פאררעכטן, און צו ווייסן אויף וואס ער איז דא געשטראפט געווארן.**

***

עס האט מיר דערציילט א **באגלייבטער מענטש** פון **די אנשי ירושלים**, וואס ער האט א קינדער־געבענטשטע משפחה, בלי עין הרע. ווען עס איז געקומען דער צייט פון די **'בר מצוה'** פון זיינע פיר גרעסערע קינדער, האט ער געהאט אן אלטע מאמע וואס זי האט אים געהאלפן מיט געלט פאר די הוצאות פון די שמחה. אבער ווען עס איז געקומען צו דער בר מצוה פון זיין פינפטער זין, האט ער שוין נישט געהאט די הילף פון זיין מאמע, און ער האט נישט געוואוסט פון וואו ער וועט שאפן געלט, וואס כידוע איז דאס א גרויסע הוצאה פון עטליכע טויזנטער, סיי פאר די תפילין, די מלבושים, דער זאַל, און די אנדערע אויסגאבן פון די שמחה.

איין טאג, ווען ער איז געקומען דאווענען אין **"זכרון משה"**, האט ער באגעגנט זיין חבר וועלכער האט אים געבעטן אז ער זאל אים העלפן, וויבאלד זיינער א באקאנטער איז יעצט נפטר געווארן און ער האט איבערגעלאזט אן איינציגער זון, און כאטש דער זון איז א גרויסער ירא שמים, האט דער טאטע מורא געהאט זיך צו פארלאזן נאר אויף אים וועגן די תפילות און דער קדיש וואס וועט געזאגט ווערן לעילוי נשמתו. און דעריבער האט ער איבערגעלאזט א שיינע סומע געלט פון עטליכע טויזנטער, כדי נאך א איד זאל דאווענען און זאגן קדיש נאך אים פאר צוועלף חדשים. – און דער חבר האט אים געפרעגט צי ער ווייסט אפשר איינער וואס וועט מסכים זיין צו נעמען אויף זיך דעם עול פאר א גאנצע יאר פאר דער באשטימטער סומע. – האט דער מענטש אים געבעטן, אז ער זאל אים געבן אביסל צייט זיך איבערצוטראכטן אין דעם.

נאכן גוט איבערטראכטן דער זאך און גוט אפוועגן אלע צדדים, האט ער אנגעהויבן צו טראכטן צו זיך, פארוואס זאל ער עס נישט אליין נעמען? ווייל ער דארף דאך יעצט האבן א שיינע סומע געלט פאר די שמחת הבר מצוה פון זיין זון, און ווער ווייסט צי מען האט אים דאס נישט צוגעשיקט מן השמים. און אוודאי איז דאס נישט געווען א 'מקרה' וואס זיין חבר האט אים פונקט יעצט געטראפן און פונקט אים האט ער פארגעשלאגן דעם געשעפט, ווייל מיר ווייסן דאך אז די קלענסטע ריר מיטן פינגער קומט גלייך פון די השגחה און גזירה פון השם יתברך, אזוי ווי דער וועלט זאגט, אז די אותיות פון די ווארט **"מִקְרֶה"** איז די זעלבע אותיות ווי די ווערטער: **"רַק מֵה'!"**

איז ער צוריקגעגאנגען צו זיין חבר, און ער האט אים געזאגט אז ער זעלבסט איז גרייט עס צו טון, און זיין חבר האט אים געגעבן די סומע געלט וואס דער נפטר האט אוועקגעלייגט דערפאר. און דעמאלטס האט ער געמאכט דעם חשבון און ער האט אויסגעטראפן אז דאס איז געווען דער סומע פונקט וויפיל ער האט געדארפט האבן פאר די הוצאות פון דער בר מצוה!

**דער מוסר־השכל וואס מיר נעמען ארויס פון דא, איז זייער פשוט און קלאר, ווייל פארוואס זאל זיך א מענטש זארגן מיט די דאגות פון דער אויבערשטער, וויאזוי וועט השם יתברך אפרעכטן דער בר מצוה פאר זיין זון, ווייל אזוי איז דאך דער אמת, אז עס זענען דא דריי שותפים אינעם מענטש (נדה לא.), און אוודאי וועט דער אויבערשטער אים צושטעלן אלע זיינע געברויכן, אויב ער וועט נאר לייגן זיין פארזיכערונג אין השם יתברך.**

***

אין דער הויז פון דער הייליגער **שפת אמת פון גור זצוק"ל** איז געווען א גאר שיינער כלי, דאס איז געווען א פלאש וואס איז געווען געמאכט פון זייער טייערע קריסטאל – דאס איז געווען זייער א טייערער כלי לכל הדיעות.

איין טאג, ווען זיין טאכטער האט געמאכט ארדענונג ביי דער שאפע פון די שיינע כלים, האט זיך דער שיינער פלאש אויסגעגליטשט פון צווישן אירע הענט און עס איז אראפגעפאלן אויף דער ערד און עס האט זיך צופיצלט אויף קליינע שטיקלעך! דער גערויש האט זיך גוט געהערט אין הויז, און דער הייליגער שפת אמת איז ארויסגעגאנגען פון זיין צימער, צו זען וואס עס איז געווען דער גערויש פונעם צופלאצונג.

ווען ער האט געזען ווי דער טייערער פלאש איז צופלאצט געווארן, איז ער געווארן זייער צובראכן, און ער האט געהאט צער און עס האט אים וויי געטון איבערן טייערן כלי וואס איז צובראכן געווארן. אין די זעלבע צייט איז געשטאנען אינעם וואַרט־צימער איינער פון די חסידים, וועלכער איז געווען א נגיד און איינער פון די גרעסטע עשירים פון די שטאט **לאדזש**, וועלכער האט נישט געקענט צוזען דעם גרויסן צער פון זיין רבי'ן. איז ער צוגעגאנגען צום רבי'ן און געזאגט צו אים: רבי, פארוואס זאל מען זיין אזוי בצער, אט נעם איך אויף זיך צו אהערשטעלן א פלאש וואס איז נאך טייערער און שענער ווי דער פלאש וואס האט זיך צובראכן! איך בין ברוך השם א פארמעגליכער מענטש, און איך קען גרינג קויפן אזא פלאש פארן רבי'נס הויז!

האט דער הייליגער שפת אמת זיך געוואנדן צו אים מיט א ביטערן שמייכל און ער האט געזאגט צו אים: זיי נישט קיין נאַר, מיינסטו דען אז איך האב צער דערפאר וואס איך האב שאדן געהאט דער כלי, נישט דאס איז דער זאך וואס טוט מיר וויי און שטערט מיין רו. נאר איך ווייס אז דער אויבערשטער רעדט צו מיר דורכן צובראכענעם פלאש, און נישט אומזיסט האט זיך דאס געמאכט ביי מיר אינדערהיים, אז דער כלי זאל זיך צובראכן, נאר דאס קומט אונז לערנען אז עס איז דא פארגעקומען א בראך ברוחניות, וואס מען דארף עס פאררעכטן און צוריקברענגען צו איר תיקון. און דעריבער האב איך צער אויף דער רוחניות'דיגער חלק וואס איז מרומז אינעם צוברעכעניש פון דער כלי, און נישט אויף דער גשמיות'דיגער שאדן. ווייל אויב וועל איך יעצט נישט כאפן וואס מען איז מיר מרמז פון הימל אז איך דארף מתקן זיין, וועט מען חלילה דארפן שיקן שווערערע רמזים, און ווער ווייסט וואס עס וועט זיין די קומענדיגע קלאפ, און עס קען זיין נאך שווערער, רחמנא ליצלן, ווייל מן השמים איז מען מרמז און מען שלאגט, ביז דער מענטש כאפט און פארשטייט וואס ער דארף מתקן זיין אויף דער וועלט.

**אזוי האבן די צדיקים געלעבט! ביי יעדער פאל וואס איז געשען מיט זיי אויף דער וועלט, וואס דער אויבערשטער רופט צו זיי און ער רעדט צו זיי, און זיי האבן נישט גערוט און זיך נישט בארואיגט ביז זיי האבן פאררעכטן דאס וואס מען האט זיי מרמז געווען...**





די ספעציעלע טעלעפאן ליניע צו באשטעלן די ספרים פון 'מכון טיב'
פון הגה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א
0733-22-76-09 קלינגט אריין באשטעלט דעליווערי פריי פון אפצאל - ביז צו אייער שטוב!



יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173